# דער פּירעט

מיר זענען ווייס
אין אויפגעשטויבט אומענדלעכע גאַסן
ווי אין שטיקער מדבר זיך פאַרגאַנגען.
אַז געמיטער גייען אויס: „אַ טרונק!"
טאָ ווער וועט זיי דערלאַנגען?

מיט בלאָנדזשן, מיט צעהיצטער מידקייט
זענען פול די פעלדן פון אונזער ראָק.
הערצער ביגן זיך איין ווי קעמלען
און נעמען אויף די לאַסט פון טאָג.

קיין פּאַלמע, קיין קוועלכל, אַזוי בלאַנקען דורך פייער
און אייביקייט שטאַרבן אין זאַמד, ביז וואַנען?
האַלטסט די זון ביים אויג ווי אַ לאַרנעטע
גאָט, זיי דער פּירער פון קאַראַוואַנען!...

# דער פֿירער

די עפּאָכע (פּאַריז – וואַרשע, 1928)

נומ’ 2, 1928, ז’ 122